גליון 211
נח תשפ"ה



# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## דעם רבינ'ס משלים

## אַ רָאד פוּן שִׂמְחָה

**מִיט גֶעשִׁיקְטֶע טְרִיט שְׁלֶענְגְלֶען זִיךְ אִידְן צוּם הֶערְלִיכְן חֲתוּנָה-זַאל, בַּאוואוּסְט** אַלְס 'שִׂמְחָתֵינוּ', דָארְט קוּמְט אַצִינְד פָאר דִי גְרוֹיסֶע חֲתוּנָה פוּן דֶער זוּן פוּן ר' יֶענְקְל, אֵיינֶער פוּן דִי חָשׁוּבֶ'ע אִידְן פוּן דִי קְהִלָּה. ר' יֶענְקְל שֶׁענְקְט אַוֶועק גַאנְצֶעטֶע שָׁעָה'ן אוּן טֶעג פַאר דִי קְהִלָּה וָואס וַואקְסְט אוּן בְּלִיעֶט, דֶער עִיקָר כּוֹחוֹת אִינְוֶועסְטִירְט עֶר צוּ פִירְן דָאס בֵּית הַמִּדְרָשׁ, דָארְט וואוּ עֶר דִינְט אַלְס גֶעטְרֵייעֶר אוּן בַּאלִיבְּטֶער גַּבַּאי.

וֶוער עֶס דַארְף אַ פְּלַאץ אָדֶער אַן עֲלִיָּה אִין שׁוּל, זַיין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִין טָאג פוּן אַ יָארְצַייט וֶוייסְט דִי אַדְרֶעס זִיךְ צוּ וֶוענְדְן, צוּם אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶעם ר' יֶענְקְל. פַאר סַיי וֶועלְכֶע הִילְף וֵוייסְן דִי בְּנֵי הַקְּהִלָּה אַז עֶר אִיז דֶער אִיד וָואס קֶען בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם אַלֶעמֶען הֶעלְפְן, זֵיי שְׁפִּירְן אַז זַיין הַארְץ אוּן זֶעל אִיז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר זֵייעֶר הַצְלָחָה אוּן פַאר אַלֶע שְׁטָאטִישֶׁע אַיינְוואוֹינֶער.

נִישְׁט קַיין וואוּנְדֶער אַז אִין טָאג וֶוען ר' יֶענְקְל פִירְט זַיין בְּכוֹר יוֹסֵף, אוּנְטֶער דִי חֻפָּה זֶענֶען אַלֶע מְחֻתָּנִים, יֶעדֶער קוּמְט זִיךְ מִיטְפְרַייעֶן אוּן טַאנְצְן בַּיי דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע טֶענְץ.

אִין זַאל קוּמְט פַאר פְרֵייلִיכֶע טֶענְץ פוּן אַלֶע סָארְטְן אִידְן אוּן בָּחוּרִים, דִי חֲבֵרִים פוּן חָתָן וֶוערְן אָנְגֶעזֶען אִינְמִיטְן זַאל מִיט זֵייעֶרֶע קַאדַאטְשְׁקֶעס, אוּן אַלֶע סָארְטְן תְּנוּעוֹת פוּן פְרֵייד, זֵיי הֵייבְּן דִי הֶענְט אוּן גְלַייךְ אַרָאפּ אִינְאֵיינֶעם, פַאטְשֶׁעדַייעֶן, רִינְגֶען, מֶען בֵּייגְט זִיךְ אַרָאפּ אוּן גֶעשְׁוִוינְד טַאנְצְן אַלֶע אוֹיף אַרוֹיף. נִישְׁט יֶעדְן טָאג שְׁפִּירְט מֶען דָא אִין זַאל אַזַא שִׂמְחָה.

פַייְוול דֶער חַבְרוּתָא פוּן אוּנְזֶער חָתָן, יוֹסֵף, צֵייגְט אָן פַאר דִי חֲבֵרִים וֶועלְכֶע סֵדֶר מֶען טַאנְץ הַיינְט, מֶען טַאנְצְט וִוי אַ בַּאן אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט, דֶערְנָאךְ דִי הֶענְט צַאמְגֶעלֵייגְט, פָּארְלֶעך צְוֵויי אִינְאֵיינֶעם. יָא, אַלֶע קֶענֶען דֶעם מְחֻתָּן, פַייְוול, וֶועלְכֶער פְלַאקֶערְט אוֹיף אַלֶע אַרוּמִיגֶע מִיט אַ הֶעכֶערֶע סָארְט שִׂמְחָה.

פְלוּצְלוּנְג בַּאמֶערְקְט פַייְוול זַיין חַבֵר שִׁמְעוֹן זִיצְנְדִיג אַלֵיין אַ וִוינְקְל, עֶר קוּקְט אוֹיס אַבִּיסְל פַארְחָלוֹמְ'ט אוּן פַארְזוֹיעֶרְט, עֶר פַארְשְׁטֵייט גְלַייךְ אַז שִׁמְעוֹן אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ הַיינְט, בֶּאֱמֶת אִיז שִׁמְעוֹן גַאנְץ טְרוֹיעֶרִיג, עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים הֵייבְּן זַיין פִּיס, עֶר וִויל נִישְׁט רֶעדְן צוּ קֵיינֶעם.

פַייְוול אִיז נִישְׁט גְרֵייט אוֹיף דֶעם, אַלֶע דַארְף דָא פְרֵיילִיךְ זַיין! עֶר פַארְקִירֶעוֶועט דִי טֶענְץ קֶעגְן שִׁמְעוֹן אוּן מִיט נָאךְ עֶטְלִיכֶע חֲבֵרִים טַאנְצְט עֶר אַהִין אוּן צוּרִיק, בִּיז פַייְוול אִיז מַצְלִיחַ אִים אַרַיינְצוּשְׁלֶעפְּן אִינֶעם רָאד פוּן שִׂמְחָה מִיט אַ בְּרֶען וִוי אַלֶע חֲבֵרִים אַרוּם.

קוֹדֶם אִיז שִׁמְעוֹן בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין דִי טֶענְץ. זַיין פָּנִים בְּלַייבְּט פַארְשְׁטֵייפְט וִוי פְרִיעֶר, אָבֶּער נָאךְ אַ מִינוּט קֶען עֶר מֶער נִישְׁט זַיין דֶער נַאר אִין רָאד, עֶר מוּז מִיטְטַאנְצְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם. אַ טַאנְץ נָאךְ אַ טַאנְץ אוּן שִׁמְעוֹנְ'ס פָּנִים וַוייזְן שׁוֹין שְׁטְרִיכְן פוּן שְׁמֵייכְלֶעך. צוּבִּיסְלֶעךְ וֶוערְט עֶר מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט מִיט אַלֶעמֶענְ'ס שִׂמְחָה בִּיז עֶס בְּלַייבְּט שׁוֹין נִישְׁט קַיין זֵכֶר פוּן זַיין זוֹיעֶרְן פָּנִים.

דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַ מָשָׁל וֶועגְן דֶער עִנְיָן פוּן שִׂמְחָה (ליקוטי מוהר"ן ח"ב תורה כ"ג) אַז צוּמָאל וֶוען מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען טַאנְצְט, דַאן כַאפְּן זַיין אַרַיין אֵיינֶעם – וֶועלְכֶער אִיז בְּעַצְבוּת – פוּנְדְרוֹיסְן פוּן רִינְג, מֶען שְׁלֶעפְּט אִים אַרַיין מִיט גֶעוַואלְד אִין דִי רָאד פוּן דִי טֶענְץ, אוּן מֶען צְווִינְגְט אִים עֶר זָאל בַּעַל-כָּרְחֲךָ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט אַלֶעמֶען אִינְאֵיינֶעם.

**מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן פוּנֶעם מָשָׁל אַז וֶוען אַ אִיד אִיז בְּשִׂמְחָה, טוּט זִיךְ גְלַייךְ אָפּ פוּן אִים זַיין טְרוֹיעֶר אוּן אַלֶע זַיינֶע יִסּוּרִים. אָבֶּער דִי גְרֶעסֶערֶע מַעֲלָה אִיז וֶוען מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן מֶען שְׁלֶעפְּט אִיר אַרַיין אִין דִי שִׂמְחָה אַרַיין, דָאס מֵיינְט אַז דִי זַאכְן וָואס מֶען טוּט מִיט עַצְבוּת זָאל אוֹיךְ וֶוערְן גֶעטוּן מִיט שִׂמְחָה, וִוי גְלַייךְ עֶס אִיז אַ חֵלֶק פוּן דִי שִׂמְחָה, מֶען שְׁלֶעפְּט דֶער מָרָה שְׁחוֹרָה בַּיי דִי נָאז אַרַיין צוּבִּיסְלִיך נֶענְטֶער צוּם שְׁמֵייכְל דַאן וֶועט פוּן גְרוֹיס פְרֵייד וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעקֶערְט דִי טְרוֹיעֶר אוּן דְאָגוֹת צוּ אַן אֱמֶתֶ'ע שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד.**

**נָא, כַאפּ אַ טֶענְצְל!**



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י"ב - דֶער בַּעַל תְּפִלָּה (14)

**הָאט דֶער גִבּוֹר אַזוֹי גִיטָאן.** אוּן הָאט גִינוּמֶען דִי דָאזִיגֶע לַייט. דְהַיְינוּ דִי גְרוֹיסֶע לַייט פוּן דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׂירוּת וָואס זֵיי זֶענֶען גָאטִין אִין זֵייעֶר מְדִינָה. וָואס זֵיי זֶענֶען אַהֶער גִיקוּמֶען מִיט דֶעם מְמוּנָה כַּנַּ"ל

**אוּן אַז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן זֵייעֶר מְדִינָה** מִיט דֶעם מְמוּנָה הָאבִּין זֵיי דִי מְדִינָה כֹּחַ גִיגִיבְּן. אַז וָואס זֵיי וֶועלִין טָאן זָאל זַיין גִיטָאן. אוּן גָאר דִי מְדִינָה מוּז צוּ שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אַלִימֶען וָואס זֵי וֶועלִין טָאן.

**הָאט דֶער גִבּוֹר גִינוּמֶען דִי לַייט.** אוּן הָאט זֵיי גִיפִירְט אִין דֶעם וֶועג. (וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים גִיזָאגְט כַּנַּ"ל) אוּן עֶר הָאט זֵיי גִיבְּרַאכְט בִּיז דֶער קֶעךְ וָואס דָארְט זֶענֶען דִי מַאֲכָלִים. אוּן פְרִיר הָאט עֶר זֵיי גִיפִירְט אַ קֶעגִין וִוינְט אִיז זֵיי פַאר גַאנְגֶען דֶער רֵיחַ פוּן דִי מַאֲכָלִים. הָאבִּין זֵיי אִים אָנְגִיהוֹיבִּין זֵייעֶר צוּ בֶּעטִין אַז עֶר זָאל זֵיי גִיבִּין פוּן דִי גוּטֶע מַאֲכָלִים.

**דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי גִיפִירְט פוּן דֶעם וִוינְט.** הָאבִּין זֵיי אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁרַייעֶן. סֶע שְׁטִינְקְט זֵייעֶר. הָאט עֶר זֵיי וִוידֶער גִיבְּרַאכְט אַקֶעגִין וִוינְט. אִיז זֵיי וִוידֶער פַארְגַאנְגֶען דֶער גוּטֶער רֵיחַ פוּן דִי מַאֲכָלִים. הָאבִּין זֵיי אִים וִוידֶער זֵייעֶר גִיבֶּעטִין. אַז עֶר זָאל זֵיי גִיבִּין פוּן דִי מַאֲכָלִים.

**דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי וִוידֶער גִיפִירְט פוּן דֶעם** וִוינְט הָאבִּין זֵיי וִוידֶער אָנְגִיהוֹבִּין צוּ שְׁרַייעֶן סֶע שְׁטִינְקְט זֵייעֶר וִוילְד.

**הָאט זִיךְ דֶער גִבּוֹר צוּ זֵיי אָנְגִירוּפִין.** אִיר זֶעהְט זִיךְ אַז סֶע אִיז דָא גָאר נִיט פַארְהַאנְדִין קֵיין שׁוּם זַאךְ וָואס סֶע זָאל שְׁטִינְקֶען. מוּז בְּוַודַאי זַיין אַז אִיר אַלֵיין שְׁטִינְקְט עֶס. וָוארְן דָא אִיז נִיט דָא קֵיין שׁוּם זַאךְ וָואס סֶע זָאל הָאבִּין אַ רֵיחַ רַע.

**דֶערְנָאךְ. הָאט עֶר זֵיי גִיגִיבְּן פוּן דִי מַאֲכָלִים.** וִוי זֵיי הָאבִּין גִיגֶעסִין פוּן דִי מַאֲכָלִים. הָאבִּין זֵיי תֵּיכֶף אָנְגִיהוֹיבִּין אַוֶועק צוּ וַוארְפִין פוּן זִיךְ דָאס גֶעלְט. אוּן אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ אוֹיסגִיגְרָאבִּין אַ גְרוּבּ. אוּן הָאט זִיךְ בַּאגְרָאבִּין אִין דֶעם גְרוּבּ מַחְמַת גְרוֹיס בּוּשָׁה וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר גִישֶׁעמְט. וָוארִין זֵיי הָאבִּין דֶערְפִילְט וִוי דָאס גֶעלְט שְׁטִינְקְט זֵייעֶר. וַוייל זֵיי הָאבִּין פַארְזוּכְט פוּן דִי מַאֲכָלִים.

**אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ צוּרִיסִין דָאס פָּנִים אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ בַּאגְרָאבִּין.** אוּן הָאבִּין דָאס פָּנִים גָאר נִיט גִיקָאנְט אוֹיף הֵייבִּין. אוּן אֵיינֶער פַאר דֶעם אַנְדֶערִין הָאט זִיךְ גִישֶׁעמְט. (וָוארִין אַזוֹי אִיז דִי סְגוּלָה פוּן דִי מַאֲכָלִים. אַז וֶוער סֶע עֶסְט פוּן דִי מַאֲכָלִים הָאט עֶר זֵייעֶר פַּיינְט גֶעלְט) **וָוארִין** דָארְט אִין דֶעם אָרְט. אִיז דָאס גֶעלְט דִי גְרֶעסְטֶע בּוּשָׁה פוּן אַלֶע בּוּשׁוֹת.

**אוּן אַז אֵיינֶער וִויל דֶעם אַנְדֶערִין עֶפֶּעס אוֹיס וַוארְפִין.** וַוארְפְט עֶר אִים אוֹיס דוּ הָאסְט גֶעלְט. וָוארִין גֶעלְט אִיז דָארְט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע בּוּשָׁה אוּן וָואס אֵיינֶער הָאט מֶער גֶעלְט שֶׁעמְט עֶר זִיךְ מֶער. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי זִיךְ בַּאגְרָאבִּין מַחְמַת גְרוֹיס בּוּשָׁה.

**און אִיטְלִיכֶער הָאט נִישְׁט גִיקֶענְט אוֹיף הֵייבִּין דָאס פָּנִים אַפִילוּ פַאר דֶעם אַנְדֶערִין.** מִכָּל שֶׁכֵּן. פַאר דֶעם גִבּוֹר. און וֶוער סֶע הָאט נָאךְ בַּיי זִיךְ גִיפוּנֶען עֶפֶּעס אֵיין גִילְדִין אָדֶער אַ גְרָאשִׁין הָאט עֶר אִים מְבַעֵר גִיוֶועזְן פוּן זִיךְ תֵּיכֶּף און עֶר הָאט אִים אַ וָוארְף גִיטָאן פוּן זִיךְ.

**דֶערְנָאךְ אִיז דֶער גִבּוֹר צוּ זֵיי גִיקוּמֶען** און הָאט זֵיי אַרוֹיס גִינוּמֶען פוּן זֵייעֶרֶע גְרִיבֶּער וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאגְרָאבִּין פַאר בּוּשָׁה. און עֶר הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט קוּמְט מִיט מִיר. וָוארִין הַיינְט בַּאדַארְפְט אִיר שׁוֹין קֵיין מוֹרָא נִיט צוּ הָאבִּין פַאר דֶעם גִבּוֹר. וָוארִין אִיךְ בִּין דָאס אַלֵיין דֶער גִבּוֹר.

**הָאבִּין זֵיי גִיבֶּעטִין דֶעם גִבּוֹר** אַז עֶר זָאל זֵיי גִיבִּין פוּן דִי מַאֲכָלִים כְּדֵי זֵיי זָאלִין פִירִין אִין זֵייעֶר מְדִינָה אַרַיין. וָוארִין זֵיי אַלֵיין וֶועלִין שׁוֹין בְּוַדְּאַי פַיינְט הָאבִּין גֶעלְט. לוּשְׁמִיר זֵיי הָאבִּין גִיוָואלְט אַז דִי גַאנְצֶע מְדִינָה זָאלִין אַרוֹיס פוּן דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. הָאט דֶער גִבּוֹר זֵיי גִיגִיבִּין פוּן דִי מַאֲכָלִים.

**הָאבִּין זֵיי גִיפִירְט דִי מַאֲכָלִים אִין זֵייעֶר מְדִינָה אַרַיין.** און תֵּיכֶּף וִוי זֵיי הָאבִּין זֵיי גִיגִיבְּן פוּן דִי מַאֲכָלִים. הָאבִּין זֵיי אַלֶע תֵּיכֶּף אָנְגִיהוֹיבִּין אַוֶועק צוּ וַוארְפִּין זֵייעֶר גֶעלְט און הָאבִּין זִיךְ בַּאגְרָאבִּין אִין דֶער עֶרְד פַאר גְרוֹיס בּוּשָׁה. און דִי גְרוֹיסֶע עַשִׁירִים און דִי גָאטִין.

**הָאבִּין זִיךְ מֶער גִישֶׁעמְט.** און דִי קְלֵיינֶע לַייט וָואס זֵיי פְלֶעגִין הֵייסִין בַּיי זֵיי חַיוֹת און עוֹפוֹת הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיךְ גִישֶׁעמְט נָאךְ וָואס זֵיי זֶענֶען בִּיז אַהֶער בַּיי זִיךְ אַזוֹי קְלֵיין גִיוֶועזְן וַוייל זֵיי הָאבִּין קֵיין גֶעלְט נִיט.

**וָוארִין הַיינְט.** הָאבִּין זֵיי שׁוֹין גְאוּוסְט אַז אַדְרַבָּא פַארְקֶערְט גֶעלְט אִיז דֶער עִיקָר בּוּשָׁה. וָוארִין דִי מַאֲכָלִים הָאבִּין אִין זִיךְ אַזוֹי אַ סְגוּלָה אַז וֶוער סֶע עֶסְט פוּן דִי מַאֲכָלִים. אִיז עֶר זֵייעֶר מְמַאֵס גֶעלְט. וָוארִין עֶר פִילְט דֶעם רֵיחַ רַע פוּן גֶעלְט אַזוֹי וִוי פוּן טִינוּף פוּנְקְט. הָאבִּין זֵיי אַלֶע אַוֶועק גִיוָוארְפִּין זֵייעֶר גֶעלְט. און זֵייעֶר גָאלְד און זִילְבֶּער.

**דֶערְנָאךְ הָאט מֶען זֵיי גִישִׁיקְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה.** הָאט עֶר זֵיי אוֹיס גִיגִיבְּן תְּשׁוּבוֹת און תִּיקוּנִים. און עֶר הָאט זֵיי גִירֵיינִיקְט און דֶער מֶלֶךְ אִיז גִיוָוארִין אַ מֶלֶךְ אִיבֶּער גָאר דֶער וֶועלְט. און גָאר דִי וֶועלְט הָאט זִיךְ אוּם גִיקֶערְט צוּ גָאט בָּרוּךְ הוּא.

**און זֵיי הָאבִּין אַלֶע עוֹסֵק גִיוֶוען נָאר אִין תּוֹרָה און תְּפִלָּה און תְּשׁוּבָה און מַעֲשִׂים טוֹבִים: אָמֵן**

כֵּן יְהִי רָצוֹן בָּרוּךְ ה׳ לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן.




סֶע שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט אֵיין אוֹיבִין אִין דֶעם אָרְט און דָאס פַייעֶר אִיז אוֹיף אֵיין אַנְדֶער אָרְט. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בִּישְׁעַיָה ל״א): ״נְאוּם ה׳ אֲשֶׁר אוּר לוֹ בְּצִיּוֹן וְתַנּוּר לוֹ בִּירוּשָׁלַיִם״:

דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם קַאפִּיטֶל יְשַׁעְיָה ל״א ע״ש.

דֶער סֵדֶר פוּן דֶעם מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע לַייט אִיז אַזוֹי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מִיט דֶעם גִבּוֹר. דֶער מְמוּנֶה עַל הָאוֹצְרוֹת מִיט דֶעם חָכָם. דֶער מֵלִיץ מִיט דֶעם אוֹהֵב נֶאֱמָן. דִי בַּת מַלְכָּה מִיט דֶעם קִינְד. דֶער מֶלֶךְ מִיט דֶער מַלְכָּה. און זֵיי זֶענֶען צֶעהְן זַאכִין. וָואס דִי צֶעהְן פַאר רֶעכְטִין גָאר דִי וֶועלְט. און נֶעמֶען אַרוֹיס אִיטְלִיכְן פוּן זַיין נַארִישְׁקֵייט. און קֶערִין אוּם אַלֶע צוּם רֶעכְטִין אֱמֶת.

נאמען: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (14)

**א. וואס האבן זיי געזאגט ווען דער גבור האט זיי געפירט קעגן די ווינט?**
- ❑ אז עס שטינקט זייער
- ❑ זיי האבן אים געבעטן פון די עסן
- ❑ אז עס איז דא א גוטער גערוך

**ב. וואס האבן זיי געזאגט ווען דער גבור האט זיי געפירט פון דעם ווינט?**
- ❑ אז עס שטינקט זייער
- ❑ זיי האבן אים געבעטן פון די עסן
- ❑ אז עס איז דא א גוטער גערוך

**ג. וויפיל מאל האט דער גבור זיי געפירט א קעגן דעם ווינט?**
- ❑ איין מאל
- ❑ צוויי מאל
- ❑ דריי מאל

**ד. וואס האבן זיי געטון ווען זיי האבן געגעסן פון די עסן פון די קאך?**
- ❑ זיי האבן אנגעהויבן אוועקווארפן די געלד
- ❑ זיי האבן זיך באגראבן פאר בושה
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס איז די גרעסטע בושה אין יענע פלאץ?**
- ❑ פרייליכקייט
- ❑ ארימע קליידער
- ❑ געלד

**ו. וואס האט דארטן געטוהן ווער ס'האט געטראפן ביי זיך געלד?**
- ❑ האט דאס אוועק געלייגט פאר ווען ער וועט דאס דארפן
- ❑ ער האט עס געגעבן פאר זיין חבר
- ❑ ער האט עס מבער געווען און אוועק געטון פון זיך

**ז. וואס האבן זיי נאכדעם געבעטן פון דעם גבור?**
- ❑ אז ער זאל זיי געבן א וועג צו תשובה
- ❑ אז ער זאל קומען צו זייער מדינה ווערן קעניג
- ❑ אז ער זאל זיי געבן פון די עסן צו טראגן אין זייער מדינה

**ח. וואס איז די סגולה פון די עסן, אז ווער ס'עסט פון דעם?**
- ❑ ווערט געלד נישט אזוי חשוב ביי אים
- ❑ איז ער ממאס געלד
- ❑ איז ער זייער ממאס געלד

**ט. *שלאגט נאך: אין וועלכע קאפיטל איז דערמאנט די מעשה?***
- ❑ *ישעי' ב'*
- ❑ *ישעי' ל'*
- ❑ *ישעי' ל"א*

**י.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



## טיפער געטראכט

אינטערסאנטע שאלות איף גאנץ מעשה פון דער בעל תפילה

**א. וואספארא סדר האט דער בעל תפילה דערמאנט די אנשי המלך? און וועמען האט ער נישט דערמאנט?**

**ב. וועלכע סדר פון די כתות האט דערמאנט איינער פון די גבורים פארן בעל תפילה? און וועלכע כתה האט ער נישט דערמאנט?**

**ג. וואספארא סדר האט דער בעל תפילה דערמאנט די אנשי המלך פארן גבור? און וועמען האט ער נישט דערמאנט?**

**ד. וועלכע סדר האבן די כתות געטראפן די אנשי המלך? און וועלכע כתה האט נישט געטראפן?**

## תשובות אויף די פריערדיגע וואך

**וואס איז געווען דער סדר וואס מען האט געפונען די אנשי המלך - וועמען האט מען געטראפן דער ערשטער און וועמען דער צווייטער, און אזוי ווייטער?**

**דער גבור, דער בעל-תפילה, דער ממונה, דער חכם, דער מליץ, און דער אוהב נאמן, די בת מלכה, און דאס קינד, די מלכה, און דער מלך.**

# דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com